SLASH YOUR BUSINESS PHONE COSTS
Stay Connected to your Customers and Coworkers
- Save up to 80% off traditional phone systems
- No contracts or commitments
- Get all the features you've always wanted but couldn't afford
- Fast, Easy, No Hassles – be up and running in minutes

Get more and pay less. You really can have it all.
With Vocalocity's Affordable and Reliable Phone System
vocalocity
Call Now 1-877-233-8170
Use Promo code Vocal035 and try our voicemail to email transcription for free!

Balboos.com
בעל בית
Nov. 21, '11
פרשת תולדות תשע"ב

Click Here
OtzarStock BETA
Stock Photos
Hebrew Fonts
The Only Source for Jewish Graphic Designers
Hebron
Girls in a playground
Jerusalem view
Donuts
Mountain landscape
Yeshiva hall

דעת בעל-בית

בריוו

שפארן סעלפאון באטערי

הערה: אויף "עצה טובה" בעל-בית חיי שרה תשע"ב

אנשטאט אינגאנצן פארלעשן די סעלפאון קען מען עס אנשטעלן אויף "עראפלאן מאוד" דאס לעשט אויס די ווייערלעס קאנעקשאן, אבער די סעלפאון ווערט נישט אינגאנצן טויט.

די מעלה דערפון איז אז מען קען עס נוצן ווייטער פאר א זייגער (ווער האט נאך היינט) און עס געדויערט נישט אזוי לאנג ביז עס צינד זיך צוריק אן. אבער די קיין באטערי וועט עס נישט ציען, ווייל די קאנעקשאן איז פארלאשן.

(-)

אונטערגעהערט אויף די פארומס

ווינדאוס טיפס

עס מאכט זיך אפט ווען מען וויל שיקן א עטעטשמענט פאר איינעם דארף מען ארומזוכן ביי די פאלדערס ביז מען טרעפט די פאלדער און נאכדעם דארף מען איבער'חזר'ן די גאנצע שפיל ווען מען דריקט" אטעטש א פייל" א פראקטישע עצה פאר דעם איז אז ווען מען האט אויפגעמישט די פאלדער ווי די פייל ליגט און מען דריקט שיפט מיט א רייט קליק קומט ארויס א אפשען Copy as path און ווען מען האלט ביים אטעטשן די פייל דריקט מען אויבן ביי די אדרעס באר און מען מאכט פעיסט און OPEN און די פייל איז אטעטשט

ווי אויך קומט ארויס א אפשען Pin to start menu ווי מען קען צולייגן א פייל צו די סטארט מעניו

*

איך האב אסאך מאך אינמיטן טייפן אז איך דרוק בטעות דעם "קעפס-לאק" קנעפל. און נישט אלץ קוק איך אויפן סקרין, און פלוצים דערזעה איך זיך מיט א שורה-צווי גראבע ענגלישע אותיות, אדער אסאך מאל דרוק איך בטעות דעם NUM-LOCK קנעפל, און אנשטאט דרוקן נומערן פליט דער קארסור מזרח מערב דרום צפון און איך הויב אויגן ברעמען און ציה מיט די פלייצעס נישט פארשטייענדיג וואס דא גייט פאר. שטענדיג האב איך געטראכט, הלואי ווען עס איז דא עפעס א "רעמיינדער" וואס לאזט מיר וויסן אז איך האב געדריקט דעם קנעפל(ער).

און יגעת ומצאת, יאפ, עס איז פאראן, און זינט דאס איז מיר נתחדש דעווארן איז מיר דער לעבן פשוט לייכטער געווארן.

עס איז א סעטינג אין קאנטראל פענעל וואס הייסט Toggle Keys, אונטער דעם נושא Ease of Access Center (ענליכע נאמען אין ווינדאוס XP), ווען מען מאכט דארטן א טשעק, היידא, יעדע מאל וואס מען צינדט אן סיי וועלכע פון די LOCK קנעפלער גיט עס א הויכן פייף, און ווען מען לעשט אויס, א נידריגע פייף.

*

ווען מען טייפט ענגליש און בטעות איז געווען אנגעשטעלט אויף קעפס אדער וויל מען סתם אזוי טוישן פון קעפס צו סמאל אדער פארקערט ביי איינע פון די אפיס פראגראמס קען מען דריקן די שיפט און F3 צוזאמען און עס טוישט פון איין וועג צום צווייטן.

*

אויב וויל מען נאכקוקן און א פייל עפעס אבער מען וויל נישט עפענען יעצט די דאקומענט יעצט איז דא א אפשען וואס הייסט ט פריוויו פעין PREVIEW PANE מען קען עס אנשטעלן ווען מען עפענט א פאלדער ביי די לינקע זייט אויבן איז דא א אפשען Organize / Layout און מען דארף סעלעקטן Preview Pane אזוי קען מען זען יעדע פייל אן דארפן עפענען די פראגראם, פארשטייט זיך אז מען קען גארנישט עדיטן אדער צולייגן אזוי .

מוזיק קען מען אויך הערן אזוי און עס עפענט נישט אויף די פראגראם.

http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=265

ניצליכע קראום עקסטענשאנס

Reload All TAbs

אריינצולייגן א באטאן וואס טוט רילאודן אלע פעידזשעס אויף איין מאל, גוט ווען מען האט עטליכע טעבס אפען פון א טאג בעפאר.

IETAB

פאר די סייטס וועלכע מוזן האבן אינטערנעט עקספלארער דוקא- עס גיט די מעגליכקייט צו ניצן עקספלארער און קראום

Price Blink

זוכט אויף אטאמאטיש די ביליגסטע פרייז אויף יעדע אייטעם וואס מען זוכט

Autopatchwork

ווען מען האט א סירטש וואס האט עטליכע פעידזשעס טוט עס אטאמאטיש לאדענען די צווייטע פעידזש.

http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=250

חלונות אין אינדעזיין

פראגע: קען מען מאכן אויטעמאטיש חלונות אויף אינדעזיין אז ער זאל איפכאפן ווי די ערשטע ווארט ענדיגט זיך?

תשובה: מען קען, אבער עס איז נישט אזוי לייכט.

עס איז אויך דא צו באקומען פלאגאינס דערפאר. דא קען מען קויפן פארשידענע נוצליכע סקריפטס פאר אינדיזיין אריינגערעכנט צו מאכן חלונות.

http://in-tools.com/products/suites/worl.../suite-pro

א גראדע לינק צו די חלונות סקריפט

http://in-tools.com/products/plugins/drop-/words

http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=188

ענדרואיד עפפס

שאלה: איך זיך אן עפפ וואס מ'זאל קענען קאנטראלן די פאון פונעם דעסקטאפ,

איך ווייס פון לעזי-דרויד,רימאוט וועב דעסקטאפ, רימאוט מיי דראויד

די אלע ארבעטן דורך זיך קאנעקטן צו א סערווער, דאס איז נישט גוט פאר מיר, ווייל איך האב נישט קיין שטארקע סערוויס אין מיין אפיס, איך זיך איינס וואס ארבעט מיט USB קאנעקשאן.

http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=258

מייקראסאפט אפיס: טיפס און אינפארמאציע

איך ארבעט אויף א ספר, און איך האט געגעבן דעם פייל פאר א מגיה, נאך עטליכע טעג שיקט ער עס צוריק, אבער איך ווילט וויסן פונקטליך וואס ער האט געטוישט, וואס איז די עצה?

גייט צו Review, דארט איז דא א אפציע Compare Document, דרוקט אויף דעם, און וועלט אויס די ארגינעלע פייל, און דאן די פאראכטענע פייל, וועט זיך עפענען א נייע פייל וואס וועט ווייזן אלע שינויים.

*

ווען מ'מאכט פיינד און רעפלעיס א ווארד וואס האט שטערנכלעך, למשל אז איבעראל וואס עס שטייט "ברוך השם", זאל ווערן רעפלעיסט צו "ב"ה", ווערן די שטערנכלעך אזעלכע ענגלישע פאני שטערנכלעך, וואס איז די עצה דערפאר?

נאכן רעפלעיסן פאררירכט איין פלאץ אז ס'זאל ווערן נארמאלע שטערנכלעך, דאן קאפי עס, און גיי צוריק צו פיינד און רעפלעיס, ביי פיינד לייג אריין " ער זאל זוכן איבעראל ווי עס איז דא שטערנכלעך, און ביי רעפלעיס לייג אריין c^ (דוקא א סמאל c, נישט א קעפעטל), און אלע שטערנכלעך וועט ווערן געהעריג.

*

שאלה: איז שייך צו זען וואס מען האט געטוישט און א דאקומענט פארן סעיוון? למשל איך האב געארבעט אויף א ווארד דאקומענט און געטוישט עטליכע זאכן און געסעיווט און איך וויל זען וואס עס איז געווען פארדעם איז שייך אזא זאך?

תשובה: Review דערנאך Track change. אדער Change tracking options דאס איז אנצושטעלן 'פאר'ן טוישן' אויף נאכן טוישן און סעיוון.

אויב האלטסו נאך פאר'ן צומאכן איז אין אפיס 07 און ווייטער קען מען נאך מאכן UNDO צו זעהן ביז א געוויסע אמאונט. אפילו נאכ'ן סעיוון, אין די עלטערע ווערסיע האט עס נישט, יעצט יא.

-

נאכן פארמאכן די פייל קען מען צוריקברענגען דורך גוגל דעסקטאפ.

אדער ביי ווינדויס 7 קען מען רייט קליקן, און אין די ליסטע דא א אפשען Restore previous versions, אויב זעצט עס נישט אויפן ליסטע גיי צו פראפערטי'ס די לעצטע טעב איז די זעלבע זאך.

*

שאלה: איך זיך א וועג ביי פאבלישער צו מאכן די טעקסט פון איין פאראגראף נאנט צו די אנדערע ביי ווארד איז דא אזא אפשען ווייסט איינער ביי פאבלישער וויאזוי מען מאכט עס?

מוז מען מאכן א אנדערע טעקסט באקס פאר יעדע פאראגראף?

*

שאלה: כ'האב געכאפט א בליק אין פאבלישער און איך האב נישט קיין אנהונג וואס דאס איז, פאר וועלעכע זאכע זאכן ניצט מען עס? פאראוואס האט עס נאך די אלטע לעיאוט? וואס טוט מען דערמיט? איך זעה עקסעס איז א מעכטיגע פראגרעם אבער מ'קען עס נישט אליין אויספיגערן אזוי ווי כאב געטוהן ביי ווארד און עקסעל, ווי קען מען זיך עס לערנען אויף אידיש?

תשובה: פאבלישער איז פאר לייכטע גרעפיקס עס ארבייט מיט טעקסט באקסעס ד.ה. אז מען קען נישט טייפן סתם אזוי נאר מען דארף ארייליגן א טעקסט באקס און אזוי קען מען אנהייבן צו טייפן און מען קען לייגן איין טעקסט באקס אויפן צווייטן פיקטשערס וכו'וכו' עס ארבייט די זעלבע זאך ווי ווארד.

עס האט נאך די אלטע לעיאוט ווייל מייקראסאפט האט עס געאפגרעידעדט ביי אפיס 2010. 07 האט נאך די אלטע איך ניץ 2010 און עס איז א מחי' די נייע לעיאוט

עקסעס איז א גיטע פראגראם עס איז געמאכט פאר פראגראמערס אדער פאר איינעם וואס האט אסאך צייט זיך צו לערנען עס איז דא פראגראמערס וועלכע האבן געמאכט פון עקסעס א פראגראם פאר רעדזשיסטערס, וכו' וכו' עס איז א פראגראם וועלכע מען קען טון גאר אסאך זאכן איך ניץ אויך א עקסעס וועלכע א פראגראמער האט משנה צורה געווען.

http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=15

רעדאקציע: מיר ווילן אנמערקן אויף נאך עטליכע אינטערעסאנטע שמועסן וואס זענען פארגעקומען אנליין, נאר מיר קענען נישט אלעס אראפברענגען.

טא זענען עטליכע לינקס.

קויפן א דירה: פארשידענע פרטים
http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=262

שווארצע פרייטאג - סייבער מאנטאג: מציאות אנליין
http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=259

ווי אזוי צו מאכן א קאמפיוטער ארבעטן שנעלער: טון אפ פראגראמען
http://balboos.com/forum/showthread.php?tid=246

נעמט א טייל אין די דיסקוסיע. שיקט אריין בריוון צו mail@balboos.com, אדער קליקט דא



Learn how by reading THE INFLATION DECEPTION
Call 866-575-5638 for a FREE COPY ($20 value)
SWISS AMERICA
THE GOLD STANDARD

ABC check printing
new number
Tel: 718-880-5594
Web: www.abccheckprinting.com
300 Business Cheks for only $18.99
Fast and Easy Ordering
CLICK HERE

סטיוו זשאבס

גרינדער און הויפט עקזעקיוטיוו פון עפל אינק.

המשך - די מעק

די זעראקס פ.א.ר.ק. ריסערטש סענטער האט געברענגט געוואלדיגע דורכברוכן - עס לאזט זיך זאגן אז זיי האבן ממש פיאנירט א גרויס חלק פון די מאדערנע קאמפיוטער עפאכע. אבער צו זעראקס'ס שלימזלות האבן זיי כמעט נישט פארדינט פון די אלע זאכן.

שוין אזוי פרי ווי אין די מיטעלע 70'ער יארן האבן זיי געהאט שוין אויפגעקומען מיט עטליכע זייער פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס, ווי די טעכנאלאגיע פון איט-הער-נעט (ethernet) וואס ווערט עד היום גענוצט צו באהעפטן קאמפיוטערס אין א נעטווארק. אבזשעקט אריענטעד פראגרעמינג, די לעזער פרינטער, און נאך.

אבער די גרעסטע דורכברוך פון אלע איז געווען די אויסטערף פון די GUI דאס איז די באגריף פון א "גרעפיקל יוזער אינטערפעיס", דאס הייסט אז אנשטאט טייפן אויף א קיבאורד צו טון סיי וועלכע אקט אויף א קאמפיוטער - האבן זיי פיאנירט א רעוואלוציאנערישע נייע מהלך פון ניצן בילדער - אייקאנס צו טון א גרויס חלק פון אלע קאמפיוטער פונקציעס, און אזוי אויך האט מען געקענט "זען" ווי אזוי פיילס ליגן אין מ'כלומר'שטע פאלדערס. מען האט געקענט קאפירן און לייגן פון איין פאלדער צו די אנדערע. די צענטער פון אלעם איז געווען וואס זיי האבן גערופן א "דעסקטאפ" אזא סארט ווירטיואלע טישל וואס דארט זענען געליגן אלע פראגראמען און פיילס שיין אויסגעלייגט ווי אויף א דעסק. און דאס אלעס איז געווארן קאנטראלירט פון א מאדנע סארט מאשינקע -אויך א אייגענע אויסטערף- וואס זיי האבן גערופן א מויזל.

היינט איז שוין שווער צו פארשטיין וואספארא גרויסע חכמה ליגט שוין דערין? אבער אין יענע צייטן איז עס געווען ממש א גאונישע דורכברוך ווי אזוי צו מאכן דעם קאמפיוטער איינפאך און צוגענגליך פאר פשוטע מענטשן.

די זעראקס "אלטא" מערקט ווי די סקרין איז אריענטירט אין די הויעך, ווי א פאפיר

דאס אלעס איז צושטאנד געקומען אין די פארעם פון א קאמפיוטער וואס זעראקס האט אליין פראדוצירט וואס האט געהייסן די "אלטא". עס קען מיט רעכט ווערן אנגערופן די ערשטע פערסאנעל קאמפיוטער. עס איז קיינמאל נישט פארקויפט געווארן אין די ברייטע מארקעט, נאר זעראקס ארבייטער האבן זיך באנוצט דערמיט.

די דורכברוכן פון די פ.א.ר.ק. ריסערטש סענטער איז נישט געבליבן באהאלטען, עס איז געווען א אפענע סוד אין סיליקאן וואלי, יעדער האט דערשמעקט אז זעראקס האט ערפינדונגען וואס זענען עפעס איבערגעווענליך און וועלן נאך טוישן די גאנצע טאכנאלאגיע וועלט, אלע, חוץ זעראקס אליין! די עקזעקיוטיוון פון זעראקס האבן וואוקגעמאכט די אלע זאכן אלץ ווערטלאזע פאר די פירמע. ווען זיי האבן זיך געכאפט דערוועגן האבן זיי נאך פארצווייפעלטערהייט פרובירט אריינצובאקומען אין די מארקעט, אבער דאן איז שוין געווען צו שפעט.

*

די אינזשענירן אין עפל האבן דאן געארבעט אויף צוויי נייע פראזשעקטן, א קאמפיוטער מיטן נאמען "ליסא" וואס האט געדארפט זיין א טייערע מאכטפולע מאשין געצילט צו ביזנעס באנוצער, און די צווייטע איז געווען אויף א ביליגערע און פשוט'ערע קאמפיוטער געצילט פאר די מאסן, מיטן נאמען "מעקניטאש" אדער אין קורצן "מעק".

דער פירער פון די מעק גרופע איז געווען א קאלירפולע פארשוין מיטן נאמען זשעף ראסקין. ראסקין -א איד- קען מיט רעכט באטראכט ווערן ווי דער פאטער פון די מעקניטאש, הגם ער איז אוועק פון עפל נאך איידער די מעקניטאש איז ארויסגעקומען. ער האט עס א נאמען געגעבן מעקניטאש נאך די מעקניטאש סארט עפל, וואס ער האט שטארק געגליכן.

" איך האב פארשטאנען אז איך זע דא דעם עתיד"

ראסקין האט שוין געהאט געהערט פון די פ.א.ר.ק. אויסטערף פון א "גרעפיקל יוזער אינטערפעיס" און ער האט זייער געוואלט אז זשאבס זאל כאפן א בליק דערויף.



די דעסקטאפ פון א זעראקס קאמפיוטער

וואס ראסקין האט נישט געוויסט איז געווען אז זשאבס האט שוין געהאט אויסגעארבעט א אפמאך מיט זעראקס צו קענען האבן א פולע טור אין די פ.א.ר.ק. צענטער.

דעמאלס זענען געווען געשפרעכן איבער א צווייטע רייע פון פאנדונגען פאר עפל. זעראקס האט געהאט א אינוועסמענט ארעם וואס האט זיך אפגעגעבן מיטן אינוועסטירן אין נייע פירמעס און טעכנאלאגיעס, זיי האבן געהאט חשק צו אינוועסטירן אין עפל. דער געריבענער זשאבס האט זיך אויסגענומען אז דערפאר וויל ער א פולע טור אין די די פ.א.ר.ק. צענטער.

די הויפט עקזעקיוטיוון פון זעראקס, וואס זענען אפשר געווען גוטע ביזנעסלייט אבער האבן נישט פארשטאנען צופיל צו טעכנאלאגיע, און ווי דערמאנט האבן זיי געהאט א גרינגשעצונג צו די גאנצע פ.א.ר.ק. פראזשעקט, האבן געגרן מסכים געווען דערויף, דער עיקר אז מען זאל זיי נאר לאזן אינוועסטירן אין עפל, וואס האט אויסגעקוקט מיט-רעכט- ווי א גוטע אינוועסטמענט אין יענע צייט.

זעראקס האט דאן אינוועסטירט א מיליאן דאלער אין עפל, ביי די צייט וואס עפל איז געגאנגען פובליק, בלויז איין יאר שפעטער, זענען זייערע שערים ווערט געווען 17 מיליאן, א גאר געלונגענע מקח לכל הדעות, אבער מיט דעם אלעם האט עפל אסאך מער מרוויח געווען פון דעם געשעפט.

זשאבס איז געקומען צו די פ.א.ר.ק. צענטער, אין דעצעמבער '79 באגלייט מיט עטליכע הויכע עפל עקזעקיוטיוון, אפצונעמען דעם פארשפראכענעם טור. לערי טעסלער, איינער פון די זעראקס סייענטיסט וואס איז געווען געשטעלט אנצופירן דעם טור, איז געווען גאר ענטוזיאסטיש, ער האט דא א געלעגנהייט צו ווייזן פאר סטיוו זשאבס אליין די אלע אויפטועו פון זייער שווערע ארבייט, וואס זייערע אייגענע בעלי בתים האבן זיך נישט געקימערט דערמיט. ער איז געווען גרייט צו ווייזן אלעס. אבער די אנדערע סייענטיסט, גאלדבערג, איז געווען זייער פארביטערט, זי האט נישט געקענט אריבערטראגן דעם געדאנק אז מען גייט דא איבערגעבן אזעלכע ווערטפולע סודות פאר א צווייטע פירמע אויף א גאלדענע טאץ. זי האט פארפירט אז מען זאל נאר ווייזן די סאמע מינימום.

גאלדבערג האט אויסגעפירט, מען האט אפגעפירט זשאבס צו א קאנפרענץ צימער מען האט אריינגעברענגט און אויפגעשטעלט די "אלטא", אבער מען האט נאר געוויזן עטליכע פראגראמען, בעיקר א ווארד פראסעסינג פראגראם, און זיי געבן די געלעגנהייט צו באטראכטן דעם אלטא פון די נאנט.

זשאבס איז געווען אנטוישט, פון די אינפארמאציע וואס ער האט געהאט געהערט האט ער פארשטאנען אז מען האט אים נישט געוויזן די ריכטיגע סחורה. ער האט טעלעפאנירט צו די זעראקס הויפט קווארטירן און געפאדערט אז מען זאל איינהאלטן דעם דיל, ער וויל זען אלעס.

עטליכע טעג דערנאך איז זשאבס נאכאמאל געווארן איינגעלאדענט, ער האט מיטגעברענגט פון זיינע אייגענע מענטשן וואס האבן געהאט געארבעט פאר זעראקס בעפאר, און זיי האבן געוויסט וואס צו זוכן. די זעראקס סייענטיסטן האבן אויף די אייגענע האנט באשלאסן צו פרובירן צו ווייזן "סמאל-טאלק" א פארגעשריטענע פראגרעמינג שפראך, מיט די האפענונג אז זשאבס וועט ווערן באגייסטערט און זיך באגניגן מיט דעם. אבער זשאבס איז געווארן ווילד און טעלעפאנירט דעם פירער פון די זעראקס אינוועסטמענטס פליגל און זיך באקלאגט אז מען האלט נישט איין דעם אפמאך. תיכף דערנאך איז אנגעקומען א שטרענגע טעלעפאן רוף פון די זעראקס הויפט קווארטיר און קאנעטיקוט אז מען זאל ווייזן פאר זשאבס אלעס.

ווען זשאבס האט געזען די גרעפיקל יוזער אינטערפעיס איז ער ממש ארויס פון די כלים, "איך קען נישט גלייבן אז זעראקס קעשט עס נישט אויף, ענק זיצן אויף א גאלד מינע" האט ער אויסגעשריגן. ער האט זיך אויפגעשטעלט און אראפגעזעצט, ער האט ממש נישט געקענט זיך באהערשן פון התפעלות.

סטיוו דער וויזיאנער מיט זיין ראפינירטע שמעק האט גלייך תופס געווען וואס די זעראקס עקזעקיוטיוון האבן נישט געוואלט פארשטיין. יארן שפעטער האט ער געזאגט "יענע מאמענט איז געווען ווי א שלייער איז געווארן אראפגענומען פון מיינע אויגן, איך האב פארשטאנען אז איך זע דא דעם עתיד, עס איז ביי מיר קלאר געווען אז אין איין טאג וועלן אלע קאמפיוטערס אזוי ארבעטן"

פארזעצונג קומט אי"ה

זע אויך ארטיקל פון ה. פוקס "דער מעק קאמפיוטער" מער איבער די עפל פירמע און די מעק. ערשינען אין בעל בית זשורנאל. עקסלוסיוו פאר מעמבערס.

פריערדיגע חלקים פון די סעריע:
סטיוו זשאבס 1 (מעמבערס)
סטיוו זשאבס 2 (מעמבערס)
סטיוו זשאבס 3

דיסקוסירט אנליין

Job In. Worry Out.
Step into Brooklyn's coolest, user-friendly digital full service printing house, and get your job done the right way – the PrintOut way.
Printout
Print technology in action
829 BEDFORD AVE
BROOKLYN, NY 11205
718.855.4040
jobs@printoutcopy.com

דיסקוסירט אנליין

עצה טובה

א גאר גוטע פראגראם וואס קאנווערט א PDF דאקומענט צו א ווארד פייל, עס ברענגט אריבער סיי די טעקסט און סיי די בילדער און ווארד ווי איר קענט עס דערנאך עדיטן.
אפילו פארשלאסענע פי די עף פיילס קען עס אויך קאנווערטן.
ועל כולם איז עס אינגאנצן בחנם.
www.pdfwordconverter.net

בית הבתים קומט אראפ צו אייך אין אפיס.
פיקט אויף די תפלין צו בודק זיין.
און ברענגט עס צוריק נאך די זעלבע טאג!
דוב זיידה - סופר סת"ם
718.399.2753
בית הבתים

דאס געיעג צו מצליח זיין
קליקט דא

ביזנעס מיט חכמה

זייט אמת'דיג- עס לוינט זיך!

דורך: יואל קליין | איממידיעט מארקעטינג ענד ביזנעס קאנסאלטינג

אמת'דיגקייט אין ביזנעס איז גאר וויכטיג. אין די קליינע ביזנעס וועלט צושפרייט זיך נייעס גאר שנעל און אויב פירט איר זיך אויף מיט אן אמת'דיגקייט וועלן מענטשן ווערן געצויגן צו אייך.

פאלגענד זענען עטליכע עצות ווי איר קענט פירן אייער ביזנעס אויף א מערסט אמתדיגער אופן:

1. באהאנדלט מענטשן מיט רעספעקט

איר זענט זיכער אויסגעלערנט געווארן צו האנדלען מיט מענטשן ווי איר ווילט מען זאל האנדלען מיט אייך, נאכדערצו ווען עפעס באדערט דעם קליענט.

2. עס לוינט זיך אלעמאל צו זאגן דעם ריינעם אמת

ווען עס קומט צו אייערע עדס אדער פרייזן, שרייבט אדער זאגט קיינמאל עפעס וואס איר פלאנט נישט צו אויספירן.

3. זייט נישט קארג

ווען א קליענט באצאלט, וויל ער באקומען עפעס פאר זיין געלט. ווען איר דרייט זיך ארויס פון צושטעלן די בעסטע, וועט נאר איר פארלירן.

4. געבט צוריק

נישט יעדער שטימט צו מיט דעם אז אלע ביזנעסער האבן אן אחריות צו דעם כלל, אבער וואלט נישט דער וועלט געווען א בעסערער פלאץ אויב זיי וואלטן יא? דורך שטיצן די וואס שטיצן אייך מאכט איר א גרויסער חילוק. וחי אחיך עמך.

5. האלט ווארט

דאס איז א יסוד ווען עס קומט צו ביזנעס. דאס איז שייך מיט צייטן, צוזאגן, אא"וו. מענטשן וועלן אייך רעספעקטירן פאר אייער אמתדיגקייט. זיי וועלן וועלן טוהן ביזנעס מיט איינעם אויף וועם זיי קענען זיך פארלאזן. עס לוינט זיך. און עס איז דאך דער ריכטיגער זאך צו טוהן.

יואל קליין איז א בארימטע היימישע ביזנעס קאנסאלטענט, מיט איבער 10 יאר עקספירענס.

דיסקוסירט אנליין

balboos
יגיע כפיך כי תאכל
אדווערטייזט אין בעל-בית
און צילט דירעקט צו אייער קליענטאל
- ווערט ארויסגעשיקט צו טויזנטער אימעיל אדרעסן. און די ליסטע פארגרעסערט זיך כסדר.
- ספעציעל אויסגעארבעט פאר'ן ביזנעסמאן אנצוהייבן די וואך מיט זאכליכע תוכן וואס זענען אים דירעקט נוגע.
- רעזולטאטן זענען פיל שנעלער ווי פאפירענע אויסגאבעס וועלכע ווערן נישט געהעריג דורכגעבליקט דורך מערסטנס ביזנעסלייט.

טוט די ריכטיגע שריט פאר אייער ביזנעס, רופט שוין
new number 347-469-1885
or mail to: mail@balboos.com
Introductory rate sheet

דעם דרייווער'ס ווינקל

שמעלקא

קורצע נייעס

האנדא

די נייע האנדא 2012 CRV

ווי באקאנט אין די נייעס לעצטנס, גייט פאר האנדא לעצטנס מיטן פיטום אראפ, אנגעהויבן מיט דעם שרעקליכן צונאמי אין יאפאן, און געענדיגט מיט די מאסיווע פארפלייצונגען לעצטנס אין טיילאנד, ווי האנדא האלט אויף ריזיגע אפעראציעס פון זייער מאנופעקטשורינג. האנדא האט געזאלט ארויסגעבן און איבערגעמאכטן CR-V אויטא פארן יאר 2012, אבער האט געמאלדן אז זיי וועלן דאס מוזן אפשטופן צוליב די פארפלייצונגען. למעשה האבן זיי לעצטנס געמאלדן אז א חלק וועט יא זיין אין צייט, און מענטשן וועלן דאס קענען קויפן בקרוב ממש.

די נייע מאדעל האט בעסערע מיילעדזש, די אויסשטעל אינוויינינג איז ני און פארבעסערט, עס האט מער זיכערהייט פיטשערס, און אנדערע פיטשעווקעס וועלכע קומען מיט. עס גייט אריין בלויז 5 פאסאזשירן און קומט בלויז מיט א 4-צילינדער ענזשין, כאטש זייער גרעסטע קאמפעטישן, די טאיאטע Rav4, האט יא א אפציע פאר א 6-צילינדער ענדזשין (וואס גיט מער כח פארן ענזשין) און האט א אפציע צוצולייגן נאך א זיץ, ביז א סך הכל פון 7 פאסאזשירן. אבער די האנדא CR-V איז געווען די בעסט-סעלינג קאמפעקט SUV אין די מארקעט פאר עטליכע יאר אין א רייע. עס איז גאר א געשמאקע אויטא.

פארד

ווי מיר האבן שוין באשריבן אין קורצן, האט "פארד", נאכן זיך טרעפן אין גאר א נידריגע פאזיציע אין זייער קוואליטעט עטליכע יארן צוריק, זיך גענומען מיטן גאנצן אייפער און אימפעט ארייצולייגן כוחות ארויפצוברענגען די קאמפאני צו א נייעם שטאפל, זיי האבן אויפגענומען נייע מענעדזשערס, מיט ערפארענע אינזשענירן, און ארבעטן אויף קעפט און כלים צו פארבעסערן דעם מצב פון די קאמפאני, און די רעזולטאטן האבן נישט פארשפעטיגט צו קומען, זיי זענען היינט איינע פון די בעסטע אויטא מאנופעקטשורערס, איניינעם מיט די אנדערע אמעריקאנע קאמפאניס, ווי GM און קרייסלער, אלע ארבעטן זיי שווער זיך צוריקצוכאפן פון וואו טאיאטע האט זיי אראפגעשטופט.

אבער פארד האט דערווייל באקומען די בעסטע אויסצייכענונגען פון די אנדערע 2 אמעריקאנע פראדוצירער. בעיקר האבן זיי דאס געטון, אז אין זייער צוגאב צו פארבעסערן דעם קוואליטעט פונעם עצם פראדוקט, האבן זיי צוגעלייגט טעכנאלאגיע און אינטערעסאנטע איינפאלן וואס קיינער האט נישט.

ערשטנס איז שטארק באקאנט און אויפגעכאפט די MyFord טאטש, וואס זיי האבן שוין כמעט נישט קיין קנעפלער אויפן דעשבאורד, נאר אלעס ווערט קאנטראלירט מיט א טאטש-סקרין, אדער מיטן מויל, ד.ה. מען קען רעדן צו אים, און ער פאלגט. גראדע האט דאס אביסל בעק-פייערד פאר פארד און זיי האבן לעצטנס באקומען שלעכטע גריידס אויף דעם סיסטעם, סיי פון פראפעסיאנאלע קאמפאניס וועלכע האלטן אז עס איז צופיל געפאטשקעט און עס איז נישט צו זיכער אויפן ראוד, און סיי פון די קאנסומער וועלכע זאגן אז עס מאכט געוויסע פראבלעמען, און ארבעטן נישט אזוי ווי עס וואלט געדארפט.

די פארד טאטש-סקרין

פארד האט רעקאמענדירט צו דעם אז זיי גיבן ארויס א נייע ווערזשן וועלכע וועט פארבעסערן די אלע מיסטעיקעס און וועט זיין גרינגער און שנעלער צו נוצן, און נישט בלויז די נייע קארס מהיום והלאה וועלן דאס האבן, נאר אויך די אלטע וועט מען אפגרעידן די סאפטווער. נאך אלעס איז עס בלויז א סקרין און די סאפטוועיר קען מען טויש בכל עת מצוא.

די עיקר מעלה פון דעם סיסטעם איז די אינטערטעינמענט און קאנקשאנס. עס פארבינדט זיך מיטן טעלעפאן, אדער מיטן mp3 שפילער, ער לייענט אפ די ניגונים, די טעקסט מעסעדזשעס, ער לייענט עס פאר הויך פארן דרייווער כדי נישט צו ווערן געשטערט פונעם דרייוון, און דער דרייווער קען צוריק רעדן צו לאזן אן ענטפער, און נאך פילע פילע אינטערעסאנטע פיטשעווקעס וואס איז נישט דער פלאץ דא אויסצורעכענען.

פארד האט לעצטע יאר ארויסגעגעבן א נייע טעכנאלאגיע אויף די נייע "עקספלארער" אויטאס, וואס רופט זיך "קארוו קאנטראל", דאס ארבעט אז אויב מען פארט צו שנעל אויף א געדרייטע ראוד, בפרט אויב מען דארף ברעיקן (למשל מען פארט אריין פון א הייוועי צו א עקזיט) טוט דער סיסטעם האלטן קאנטראל אויף דעם קאר אז דער דרייווער זאל ח"ו נישט פארלירן קאנטראל, ווי די סטאטיסטיקס ווייזן אז איינע פון די פלעצער וואו עס פאסירן פילע עקסידענטס איז אויף פלעצער ווען מען דארף ברעיקן אויף שטארק-געדרייטע ראודס.

פארד האט אויכעט שוין עטליכע יאר א "סעלף-פארקינג" סיסטעם. מען דארף זיך מער נישט לערנען פאראלעל פארקינג. אויב זעהט איר אז איר האט בדוחק פלאץ זיך אריינצושטופן אין א געוויסן פארקינג ספעיס אבער איר קענט דאס נישט מענעדזשן, דאן לאזט דאס איבער פאר אייער אויטא. פשוט דרוקט א קנעפל, און וואונדער איבער וואונדער, דער אויטא פארקירט זיך פון זיך אליינס, ווי א גרויסע אינגאל! דאס האבן זיי נאכגענומען פון געוויסע "לעקסוס" מאדעלן, אבער צום איבערראשונג פון די מידיא לייט, מאכט פארד די ארבעט פיל בעסער און פונקטליכער!

יעצט אויף 2012 האט פארד געמאלדן נאך א נייע טעכנאלאגיע, וואס רופט זיך "לעין-קיפינג טעקנאלאדזשי", וואס מאכט זיכער אז דער דרייווער בלייבט אין זיין לעין און גייט נישט ארויס דערפון אומווילענדיג (למשל מידערהייט). דער סיסטעם ארבייט אז עס זענען פאראן סענסארס וועלכע לייענען אפ די מארקס פון די לעינס, און אויב שפירט עס אז דער קאר פארט ארויס, הייבט אן קלינגען און פייפן און לעקטערלער בליצן אינעם אויטא, און דער סטירינג-ווהיל הייבט אן וויברירן און ציטערן, אזוי אז דער מענטש וועט זיך אויפכאפן פון זיין שלאף, אדער סעלפאון סקרין, און אויב וועט די קאר שפירן אז דער דרייווער איז מיד, וועט ער נישט ענדיגן ציטערן ביז מען וועט אפשטעלן דעם אויטא גענצליך און עפענען דעם דרייווערס טיר!

קומענדיגע וואך אי"ה וועלן מיר רעדן פון נאך עטליכע אינטערעסאנטע טעכנאלאגישע וואונדער וואס פארד בויעט אריין אין זייער אויטאס, צב"ש MyKey, אדער Auto Dry Brakes, און אויטאמאטישער טראנק עפענער. אויך וועלן מיר בעז"ה אויסשמועסן דעם נייעם 2012 טאיאטע קעמרי וועלכע איז די חודש ערשינען אויף די מארקעט.

דיסקוסירט אנליין

LOW COST LAPTOP REPAIR!
Industry leading low cost laptop repair for consumers & corporate accounts
- Fast repair of all laptops – parts and labor – only $79.
- Backed by the strongest warranty in the industry.
- Free virus removal & tune up with repair
- Same low price for MACS
- $49 extra repair charge if motherboard, hard drive or screen have to be replaced.

ANY LAPTOP REPAIR $79 Includes FREE Fedex shipping, both ways.
It's pricing like this that's made AUTHORIZED LAPTOP REPAIR the leader in affordable laptop service.
ONE CALL DOES IT ALL! 877-241-6976

גוטע געלעגנהייט פאר גראפיקער

דער "בעל בית" זוכט א גראפיק דעזיינער וואס זאל צושטעלן עדס פאר אונזערע אדווערטייזערס.

ערנסט פאראינטערעסירטע, פארבינדט אייך מיט אונז
mail @ balboos.com

קלאסיפיידס

Buried in Credit Card Debt? Over $10,000? We can get you out of debt quickly and save you thousands of dollars! Call CREDIT CARD RELIEF for your free consultation 1-866-981-0757

Ever Consider a Reverse Mortgage? At least 62 years old? Stay in your home & Increase cash flow! Safe & Effective! Call Now for your FREE DVD! Call Now 866-439-6448

ARE YOU PAYING TOO MUCH FOR INSURANCE?
Auto, Home, Property, Business - Give us a call & Save!
JNR Insurance Agency 718-640-1642 - mail@jnrins.com
בלעקבערי פין: 32898D5A

Toners OEM/Generic All Models at super low prices
718-486-7673

פרייז פון קלאסיפייד $12 - באצאלטע מעמבערס קענען אריינלייגן בחנם
Email: classifieds@balboos.com
http://www.balboos.com/content/classifieds

Did you know you can put Gold & Silver into your IRA Portfolio?
Use your IRA portfolio to get the proper asset allocation by having balance and diversification. This strategy can help you hedge your portfolio during these turbulent economic times. Diversification has never been more important when it comes to your retirement investments. With a self-directed IRA, you can not only achieve this objective, but also own the hard asset as well for added security!
If you invested $10,000 in gold bullion in 2007, your investment would have grown to $36,000 by 08/08/2011 – This would equate to a 261% percent increase. The same $10,000 investment in Standard and Poor's (S&P Index) would have lost $1,400. That's a 14% loss. Comparisons do not include sales charges or commissions.
Learn how to invest in them NOW!
CALL 866-585-9530
Dept: PMSIRA-2011
PARK AVENUE NUMISMATICS
Your Source for Rare Coins and Precious Metals
Past performance is not an indicator of future performance. Information provided herein is for educational purposes, and not intended to be investment advice nor an offering. May lose value.
Park Avenue Numismatics has been serving Collectors and Investors since 1988



J. Weinberger
ARCHITECTURAL TEAM
INTERIOR DESIGN SOLUTIONS
וואו איז דא פלאץ פארן נייעם ארבייטער?
718.855.5702 718.865.0645
info@archteamonline.com



SAVE UP TO 50% OFF YOUR NEXT HEATING BILL
Advanced Portable Infrared iHeater®
Saves Money NOW... Saves Money LATER!
- ✓ Heats up to 1000 sq. ft. evenly for about $1 a day
- ✓ Safe around kids and pets
- ✓ Cannot start a fire
- ✓ FREE shipping
- ✓ Full factory warranty
- ✓ NEW low price!

Was ~~$499~~
Now Only $279 For a Limited Time
Call 1-866-497-5473
Phone lines open 7am - 11pm EST
Media Code: 6177
Shown here iHeater IH1000 Model
IH1500 Model also available (heats 1500 sq. ft.)
Strict limit of 2 iHeaters per household

בעל בית זשורנאל

ווערט ארויסגעשיקט יעדע מאנטאג צו טויזנטער היימישע ביזנעסלייט איבער די וועלט, בחנם אין כסף.

בעל בית און פארמאט צו פרינטן

אוועליבעל פאר מעמבערס

פריערדיגע אויסגאבעס

אוועליבעל פאר מעמבערס

צו ווערן א מעמבער

קאסט יעצט בלויז $25 א יאר. עס האט נאך פארשידענע בענעפיטן. פאר מער פרטים און צו ווערן א מעמבער, זע לינק.

www.balboos.com/content/membership

קאמענטארן און פארום סיסטעם

מיר האלטן אן לעת עתה סיי די קאמענטארן סיסטעם אויף די וועב זייטל און סיי די פארום, ווייל מיר האלטן אז עס א שאד אנצופילן די פארומס מיט בלויז א קורצע קאמענטאר אויף א ארטיקל.

אויב איר טרעפט א ארטיקל וואס ברענגט אויף א נושא וואס איז ווערט צו דיקוסירן קען מען עפענען א נושא דערוועגן אין די פארום און מען זאל לייגן א לינק אין א קאמענטאר אויף יענע ארטיקל, אז מענטשן זאלן וויסן אז עס איז דא א שמועס דערוועגן אין די פארום'ס.

אדווערטייזמענט

א אדווערטייזמענט אין בעל בית ווערט געזען דורך טויזנטער היימישע ביזנעסלייט דורך די וואך. אדווערטייזערס אין בעל בית זענען זייער גוטע רעזולטאטן. (רעפערענצן וועלן געגעבן ווערן אויפן פארלאנג)

ביטע רופט (די נומער איז בלויז פאר אדווערטייזמענט)

(347) 469-1885

אדער אין אימעיל

ads@balboos.com

בקשה

מיר שטעלן אייך צו די בעל בית גענצליך בחנם, מיר בעטן פון אייך בלויז איין זאך, ביטע פארשפרייט די בעל בית בכל אופן האפשרי! דערציילט דערוועגן אייערע באקאנטע און פריינט, מוטיגט זיי זיך צו סובסקרייבן, זיי וועלן אייך זיכער דאנקבאר זיין. און אזוי וועט איר אי"ה קענען ווייטער געניסן דערפון בחנם.

***

מיר זענען וויליג אנצונעמען ארטיקלען און קאלומס געשריבען דורך לייענער. אויב איר ווילט שרייבן וועגן סיי וואספארא נושא, ביטע פארבינדט אייך מיט אונז אויף אימעיל.

mail@balboos.com